בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

## פרשת חיי שרה


יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**

**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל - בני ברק**

**כיתה ח'**

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**

בס"ד

# חידו"ת לפר' חיי שרה

**ותמת שרה וכו' ואקברה את מתי מלפני.**

**הנה** כאשר מתה שרה אמנו ויבקש אברהם אחוזת קבר בעדה, ועפרון ובני חת השיבו אמרים לו, נמצא הלשון שבע פעמים, היינו, ואקברה את מתי מלפני, קבור את מתך, מקבור מתך, לקבור את מתי, קבור מתך, ואקברה את מתי, ואת מתך קבור, והקשו כל הקדמונים ז"ל על כפל לשון שבע פעמים בסגנון זה, והיה די בשלש או ארבע פעמים לפי חוקי הלשון, ועוד יש להוסיף ולדקדק מדוע בשש פעמים הראשונות נזכר בתחלה קבורה ואחר כך מיתה, ובפעם שביעית נזכר בתחילה מיתה ואחר זה קבורה. בטח יש בזה ענין לענות בו.

**אמנם** יש לומר דהענין כך הוא, דידוע כי בעת שרצה אברהם אבינו ע"ה לקבור את שרה אשתו במערת המכפלה היה מונחים שם אדם וחוה, וא"כ נצרכו עוד שם להניח ג' זוגות אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה, ועליהם מרמזים הפסוקים באומרם כאן ששה פעמים לקבור את מתי וכדומה. כנגד ששה צדיקים העתידים לנוח שם, וידוע מאמר חז"ל (סוטה י"ג ע"א) כשבאו בני יעקב למערת המכפלה לקבור את אביהם בא עשו לחרחר ריב ואמר שלי הוא וכו' מיד לקח חרב והתיז את ראשו של עשו והיה הראש מתגלגל עד שנפל למערת המכפלה וכו' ע"ש (ועיין בפדר"א ותרגום יונתן פ' ויחי) וגם ידוע מאמר חז"ל (ברכות דף י"ח) רשעים בחייהם קרוים מתים אבל צדיקים במיתתם קרוים חיים ובגמרא (שבת קנ"ב) מקשינן והא כתיב כי עפר אתה ואל עפר תשוב ואיך אמרת דבמיתתם קרוים חיים, ומשני ההיא שעה אחת קודם תחה"מ ע"ש. הרי חזינן דאצל הצדיקים שייך קבורה ואח"כ מיתה היינו שעה אחת קודם תחה"מ. לכן נכתב כאן ששה פעמים הלשון לקבור מתי וכדומה נגד הששה צדיקים הנ"ל שיצטרכו להקבר שם, אבל בפעם אחרונה כתיב ואת מתך קבור לרמוז על עשו שזכה להיות ראשו נקבר במערת המכפלה (עי' סוטה דף י"ג ע"א). דאצל רשעים מיתתם קודמת לקבורתם כי בחייהם קרוים מתים לכן נכתב אצלם המיתה קודם להקבורה.

**(הגאון מווילנא)**

**ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל.**

**ובמדרש** (הובא בדברי אליהו להגר"א) וה' ברך את אברהם בכל, בכ"ל ראשי תיבות ב'סוכות תשבו שבעת ימים, כ'ל האזרח בישראל ישבו בסוכות, ל'מען ידעו דורותיכם וגו'.

**ויתבאר** על פי מה שכתב החתם סופר בדרשותיו (לסוכות דף מג.) רמז נאה למצות צדקה בסוכות, דהנה שיעור דפנות הסוכה שתים כהלכתן ושלישית אפילו טפח (סוכה ד:), וגובה הסוכה הוא עשרה טפחים, ומשך הסוכה ז' על ז', נמצא ב' דפנות שלמות ז' בגובה י' הן שני פעמים ע', שהוא ק"מ, ודופן השלישי

בס"ד

שהוא טפח בגובה י' הוא י' טפחים, נמצא שיעור הכשר סוכה הוא ק"נ טפחים, וסכך הסוכה שהוא בכל משך הסוכה ז' על ז', הוא מ"ט טפחים, נמצא בצירוף הדפנות והסכך בהכשר סוכה הוא קצ"ט טפחים בגימטריא צדק"ה, רמז למצות צדקה בסוכות, עכ"ד.

**והנה** איתא במדרש רבה (פנ"ט ס"א) כתיב (משלי טז לא) עטרת תפארת שיבה בדרך צדקה תמצא, רבי מאיר אזל לממלא (שם כפר), ראה אותן כולן שחורי ראש וכו', אמרו ליה רבי התפלל עלינו אמר להם לכו וטפלו בצדקה ואתם זוכים לזקנה מה טעמיה עטרת תפארת שיבה, והיכן היא מצויה בדרך צדקה תמצא, ממי אתה למד מאברהם שכתוב בו (בראשית יח יט) ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט, זכה לזקנה ואברהם זקן בא בימים.

**ובזה** יתבאר הכתוב ואברהם זקן בא בימים, שזכה לזקנה, ומפרש איך זכה לזקנה, וה' ברך את אברהם בכ"ל, רמז כאן מצות צדקה, כי בכ"ל ראשי תיבות ב'סוכות תשבו שבעת ימים, כ'ל האזרח בישראל ישבו בסוכות, ל'מען ידעו דורותיכם וגו', אשר מיניה ילפינן שתים כהלכתן ושלישית אפילו טפח, ועל ידי זה שיעור הכשר סוכה בגימטריא צדק"ה, שזה היה דרכו של אברהם אבינו לעשות צדקה וחסד, ובזכות צדקה זכה אברהם אבינו לזקנה.

**מתוך דברות קודש ממרן רבינו שליט"א אשר השמיע לילדי הת"ת פה בני ברק, ב' חיי שרה תשס"ט**

## והיה הנערה אשר אומר אליה הגמיאיני נא מעט מים מכדך וגו' וגם גמליך אשקה אותה הוכחת לעבדך ליצחק.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין וואס איז געווען די סימן וואס אליעזר האט געמאכט, אויב וואלט ער געוואלט וויסן אויב זי איז גומלת חסד, איז פארוואס זאגט ער דוקא אז זי וועט זיך אנטראגן צו געבן אויך פאר די קעמלען, מער פון דעם וואס ער האט געבעטן נאר פאר זיך.

**נאר** די ענין איז אזוי, אפילו עס איז געווען אין דעם א ענין פון מנחש זיין, איז אין דעם אויך געווען באהאלטן א חכמה, ווייל ער האט געוואלט זעהן ביי איר צוויי זאכן, איינס אויב זי האט גוטע מידות, און צווייטנס, אויב זי איז א בעלת שכל, און זי וועט קענען פירן א שטוב מיט חכמה און פארשטאנד.

**ווען** אליעזר איז געקומען צו איר און געזאגט הגמיאיני מעט מים מכדך, האט ער איר אריינגעלייגט אין א פראבלעם, זי האט דאך נישט געהאט דארט א גלאז, וועט זי מוזן אים געגעבן צו טרינקען פון די קריגל אליינ'ס, וועט ער זעהן אויב זי וועט וועלן געבן פאר אים וואסער פון די קריגל אליינ'ס, און ער וועט אויך זעהן וואס זי וועט טוהן מיט די איבעריגע וואסער וואס וועט בלייבן אין די קריגל, די קריגל כאפט דאך אן זיין מויל, און אפשר האט ער געוויסע מחלות אין זיין מויל. איז אויב זי וועט אהיים טראגן די איבעריגע וואסער, איז א סימן אז זי איז נישט קיין בעלת שכל, ווייל וואסער וואס בלייבט איבער פון א פרעמדן מויל טראגט מען נישט אהיים, און אויב זי וועט עס אויסגיסן אנטקעגן אים און אנפילן פרישע וואסער פון די קריגל, האט זי נישט קיין גוטע מידות, ווייל זי פארשעמט אים מיט דעם וואס זי גיסט אויס די

בס"ד

איבערגעבליבענע וואסער. וועגן האט זי איין עצה, אז ווען ער וועט בעטן הגמיאיני נא מעט מים מכדך, וועט זי אים זאגן וגם גמליך אשקה, אז די איבער געבליבענע וואסער וועט זי געבן פאר די קעמלען, אזוי וועט זי אים נישט פארשעמען, און זי וועט אויך נישט אהיים טראגן די איבערגעבליבענע וואסער.

**אבער** רבקה האט זיך נאך מער איבער געקליגט אויף אים, און זי האט אים געזאגט 'וגם לגמליך אשאב', אז נאך ווען זי וועט אויסגיסן די איבערגעבליבענע וואסער, וועט זי גיין אנשעפן נאך וואסער פאר די קעמלען, כדי אליעזר זאל נישט טראכטן אז דעס וואס זי האט פריער אויסגעגאסן, איז געווען ווייל עס איז איבער געבליבן פון זיין מויל, און זי וויל עס נישט אהיים טראגן, נאר זי וויל געבן צוטרינקען פאר אלע קעמלען, און מיט דעם האט זי בארוהיגט אליעזר'ן ער זאל האבן א גוטע געפיהל אויף וואס זי טוהט.

**(בית הלוי)**

## הוא ישלח מלאכו לפניך

**דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע איז אמאל געפארן מיט עטליכע תלמידים צו א ווייטע שטאט צו א ברית וואס איז אפגעהאלטן געווארן ערב שבת, און ער איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, און באלד נאכ'ן ברית האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים, כדי מ'זאל אנקומען צייטליך פאר שבת קיין לובלין.**

**זייענדיג אונטערוועגנס זענען די פערד אריינגעפאלן אין א בלאטע און זיי האבן אנגעהויבן צו זינקען אלס מער און מען האט נישט געזעהן דעם וועג ארויס, די חסידים האבן פראבירט אויף אלע וועגן ארויסצושלעפן דעם וואגן אבער עס איז נישט געגאנגען.**

**זיי זענען געווארן זייער באזארגט, ווייל צוביסלעך איז געווארן שפעט צו שבת, און עס איז שוין געווארן גרויס דער חשש אז זיי וועלן פארשפעטיגן נישט אנצוקומען אהיים אויף שבת.**

**ביז איינער פון די תלמידים איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און געזאגט אז עס איז נישטא קיין ברירה, נאר דער רבי וועט מוזן זאגן דעם שם פון קפיצת הדרך אז מ'זאל אנקומען אהיים באצייטנס.**

**האט זיך דער הייליגער לובלינער אנגערופן: "י'א, ו'ועד כ'(ק)ען ה'יינט"...**

**אין יענע מינוט וואס ער האט ארויס געזאגט די ווערטער זענען די פערד ארויס פון די בלאטע, און זיי זענען אנגעקומען אהיים מיט קפיצת הדרך.**

**האבן די תלמידים פארשטאנען דאס ענין, ווייל דער שם פון קפיצת הדרך איז י'ו'ה'ך, דאס איז די סופי תיבות פונעם פסוק "כ"י מלאכי'ו יצו'ה ל'ך", האט דאס דער רבי באהאלטן אין די ווערטער "י'א ו'ועד כ'ען ה'יינט", וואס איז די ראשי תיבות פון דעם שם, אזוי האט ער געהאט קפיצת הדרך.**

**און מיט דעם ענין האט דער בעלזער רב מהרי"ד ז"ל געטייטשט, אז די ראשי תיבות פון די ווערטער "ה'וא י'שלח" און די סופי תיבות פון "מלאכ'ו לפני'ך" איז דער שם פון קפיצת הדרך, און דאס האט אברהם אבינו מרמז געווען אין זיינע ווערטער דער מלאך פון קפיצת הדרך.**

**און דאס זעלבע זאך שטייט אויך אין מדרש אז אברהם אבינו האט געזאגט פאר אליעזר "זקן ביתו המושל בכל אשר לו", מכאן אמרו הנפטר מחבירו אל יפטר אלא מתוך דבר הלכה, מאי הלכה, יחיד ורבים הלכה כרבים, זאגט דער הייליגער אפטער רב זי"ע אין ספר אוהב ישראל (ליקוטים בסוף הספר) אז די ראשי תיבות פון "י'חיד ו'רבים ה'לכה כ'רבים" איז אויך דער שם י'ו'ה'ך' וואס דאס איז די שם פון קפיצת הדרך, און די הלכה פון יחיד ורבים הלכה כרבים איז מסוגל אויף דעם, און וועגן דעם ווען מ'געזעגנט זיך פון א חבר זאל מען זאגן די הלכה.**